בעז"ה

# מחשבות

מחשבות און געדאנקען אין עבודת השי"ת

חג השבועות

גליון קמו שנה ד

מהודרת
יו"ר מכון מחשבת החינוך
המחנך הנפלא
הרב שלמה טייטלבוים שליט"א



## ווי אזוי רעכנט מען דאס אויס?

ס'ווערט געברענגט אין תנא דבי אליהו (זוטא פי"ב) "יכול מי שלומד תורה הרבה ומי שלומד תורה קצת, יהא מאור פניהם שוה בעולם הבא? ברוך המקום ברוך הוא שאינו כן אלא כל אחד לפי מעשיו" - מ'וואלט געקענט מיינען אז איינער וואס לערנט אביסל און איינער וואס לערנט אסאך וועלן זיין אויף די זעלבע מדרגה אויף יענער וועלט? אבער ברוך השם אז ס'איז נישט אזוי נאר יעדער וועט באקומען לויט זיינע מעשים.

דער תנא דבי אליהו ברענגט א חידוש אז איך זאל וויסן אז איינער וואס לערנט אסאך איז חשוב'ער אויף יענע וועלט פון איינער וואס לערנט ווייניג, לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז דא דער גרויסער חידוש? ס'איז דאך קלאר אז איינער וואס ארבעט מער פארדינט מער דאס איז א פשוט'ע זאך צו וואס דארף מען דאס בכלל שרייבן?

נאך מער, די גמרא זאגט דאך קלאר "אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים לשונה פרקו מאה ואחד פעמים" - ס'איז גארנישט גלייך איינער וואס האט געלערנט א פרק הונדערט מאל צו איינער וואס האט געלערנט דעם פרק הונדערט און איין מאל, דאס הייסט נישט אז דאס איז א ביסל מער נאר "אינו דומה" ס'איז גארנישט צו פארגלייכן די גרויסקייט און דער חילוק פון די צוויי תלמידי חכמים, איז וואס איז אויב אזוי דער חידוש פון דעם "תנא דבי אליהו"?

פון די אנדערע זייט פרעגט זיך דא א קשיא, פארוואס איז טאקע דא א חילוק צווישן איינער וואס לערנט אסאך אדער אביסל, ס'איז דאך דא א גמרא וואס זאגט אז "אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוון ליבו לשמים" אז ס'איז נישט א חילוק וויפיל דער מענטש געבט אוועק פון זיך פאר'ן אייבישטער דער עיקר איז אויב די כוונה און דער רצון איז געווען פאר'ן אייבישטער, דאס הייסט אויב אזוי אז מ'קוקט גארנישט אויף די "כמות" - וויפיל דער מענטש האט געגעבן, דער עיקר ער זאל האבן א גוטע כוונה אין דעם, איז פארוואס אויב אזוי איז טאקע יא דא א חילוק און א חשיבות אין די כמות פון די לערנען?

*

ראבערט האט געוואוסט אז ער איז א יוד - זיין מאמע האט אים דאס דערמאנט אין יעדע געלעגנהייט - אבער ער האט קיינמאל נישט געוואוסט וואס דאס מיינט צו זיין א יוד, ער האט נישט אמאל אריין געטראכט וואס דאס מיינט צו זיין א יוד, ער האט נישט געהאט צייט צו א זעלכע מחשבות, ער איז געווען באשעפטיגט איינצונעמען די וועלט.

פון ווען ער געדענקט זיך איז ראבערט געווען באשעפטיגט מיט ספארט, זיין גאנצע לעבן האט זיך געדרייט ארום דעם, זיין גאנצע קאפ איז געלעגן אין שטארקען זיין גוף, שטארקן די מאסלען ער זאל זיין דער שטערקסטער מענטש און קענען געווינען יעדער וואס שטעלט זיך אקעגן אים.

ווען ראבערט איז אלט געווארן צוואנציג יאהר איז ער שוין געווען באקאנט אין גאנת קאליפארניע אלץ דער שטערקסטער באקסער פון די לאנד, ער האט נישט מורא געהאט זיך א קעגן צושטעלן צו א פארמעסטונג מיט יעדער איינער, און קיינער האט אים נישט געקענט געווינען.

דאס איז נישט געקומען פון זיך אליין ראבערט האט אסאך געהארעוועט פאר דעם, ער האט יעדן טאג אוועק געגעבן לאנגע שעות פאר טרעניננג, און שווער געארבעט כדי זיך צו שטארקן.

יאהרן זענען אריבער ראבערט האט געזעהן גרויסע הצלחות, אלע צייטונגען האבן געשריבן אויף זיינע וואונדערליכע כוחות, און ער געשעפט אסאך נחת פון זיך אליין.

ווען זיין קליינער זוהן איזאק איז געווארן זעקס יאהר, האט ראבערט זיך אפ געשטעלט די ערשטע מאל און אנגעהויבן צו טראכטן, ווי אזוי וויל איך מיין קינד זאל אויס וואקסן, ער דארף אים יעצט אריין שיקן אין א סקול, אין זיין געגנט זענען דא אפאר סארטן סקול'ס און ער מוז מחליט זיין אין וועלכע סקול אים צו שיקן.

נאך אפאר טעג פון אריין טראכטן, האט ראבערט איינגעשריבן זיין איזאק צו א יידישע סקול וואס איז געווען א גאס אריבער.

איך וויל מיין זוהן זאל וויסן אז ער איז א יוד - האט ראבערט געטראכט צו זיך - שפעטער וועל איך אים שוין אריין ברענגען אין מיינע געשעפטן, און אים אויס לערנען צו זיין א באקסער אזוי ווי מיר.



## דבר העורך

זיי זענען ביידע צוזאמען אריין געקומען צום רב, זיי האבן פארשטאנעם אז אזוי קען דאס נישט גיין ווייטער און מ'מוז דא עפעס טוישן, אבער יעדער האט פארשטאנען אז נאר דער צווייטער איז דער וואס דארף זיך טוישן.

ס'האט זיך אנגעהויבן פון די ערשטע מינוט – האט דער מאן דערציילט – גלייך נאך די חופה ווען מ'איז נאר אריין אין יחוד שטיבל האט זי ארויס גענומען איהר מאביל און אנגערופן צו איהר חבר'טע, די שמועס האט גענומען א שיינע פאר מינוט, און ערשט ווען זי האט געענדיגט דעם שמועס האט זי זיך דערמאנט אז איך – דער חתן איז אויך דא.

און אזוי גייט דאס די גאנצע צייט – קלוגט ער ווייטער – זי לעבט מיט איהר גוטע חבר'טע אויפ'ן פאון, און פון צייט צו צייט דערמאנט זי זיך אז איך בין אויך איינער אין איהר לעבן, יעדע מאל ווען מיר זעצן זיך שמועסן, אנשטאט צו שמועסן מיט מיר רופט זי איהר חבר'טע אדער זי שרייבט זיך מיט איהר חבר'טע, איך שפיר מיך א פיפטע ראד אין איהר וואגן, און איך בין נישט אינטערעסירט אזוי ווייטער צו גיין.

ס'איז ריכטיג – זאגט זי צום רב – איך האב טאקע אנגערופן מיין חבר'טע גלייך נאך די חופה, אבער דער רב מוז פארשטיין זי איז מיין בעסטע חבר'טע שוין אזוי פיל יאהרן און פונקט א טאג פאר מיין חתונה האט זי צובראכן איהר פיס און נישט געקענט זיין מיט מיר ביי די חתונה איך האב איהר געמוזט אנרופן און דערציילן אויף מיין חופה.

און בכלל – ערקלערט זי ווייטער – מיר זענען אזוי נאנט איינע צום אנדערע אז איך קען איהר נישט אפ לאזן, יאהרן וואס איך האב געקויפט קליידער נאר מיט איהר, איז וואס? יעצט זאל איך איהר אזוי אפ לאזן אליין, ווייל איך האב חתונה געהאט, ס'איז נישט יושר.

דו זאגסט זייער א וויכטיגע פוינט – האט איהר דער רב געענטפערט – אבער דאס ווייזט אז דו פארשטייסט נישט די וויכטיגקייט פון האבן א מאן, און דאס ווייזט אז ער איז גארנישט אין דיינע אויגן, וממילא זאלסטו דיך נישט ווינדערן אז ער וויל דיר נישט מער האבן.

מורי ורבותי! כלל ישראל איז געווארן אוועק געטריבן פון די בתי מדרשים, פון די יחוד שטיבל און פון די באשטימטע צייט וואס מיר האבן געהאט יעדן טאג זיך אדורך צו שמועסן מיט'ן הייליגן באשעפער, יעצט ווען מ'שטייט שוין אויף די וועג צוריק צו אונזערע בתי מדרשים, יעצט ווען דער אייבישטער איז אונז מסכים צוריק צו ברענגן צו זיין מקדש מעט, נאך וואס מיר האבן זיך אזוי שטארק געבענקט, לאמיר אים ווייזן אז מיר פארשטיין די חשיבות פון דאווענען, לאמיר אים ווייזן אז מיר זענען מחשיב די צייט וואס מיר האבן מיט אים, און לאמיר זיך אונטער נעמען אוועק צו לייגן און צו שליסן אונזערע מאבייל'ס פאר מ'גייט אריין צום דאווענען, פאר מ'גייט אריין זיך אדורך שמועס'ן מיט'ן הייליגער באשעפער.

בזכות דעם זאל'ן מיר אלע זוכה זיין בס"ד צו די ריכטיגע בניין הבית בב"א.

**א גוטן שבת**

אין סקול האט זיך געעפנט פאר איזאק אינגאנצן א נייע וועלט, פלוצלינג האט ער געהערט אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט, ער האט זיך אויס געלערנט וואס הייסט תורה און שבת און נאך אסאך אינטערעסאנטע זאכן, פלוצלינג האט ער פארשטאנען אז צו זיין א יוד איז א גאנצע וועלט און נישט נאר א טריקענע זאך וואס מ'דערציילט עס פון צייט צו צייט.

איזאק איז אויסגעוואקסן א ערליכער יידיש קינד, און נאך די בר מצוה איז ער אריבער לערנען אין א ישיבה אין ניו יורק, איזאק וואס האט זיך יעצט גערופן יצחק איז געזעצן און געהארוועט על התורה ועל העבודה און אויסגעוואקסן א חשובער תלמיד חכם.

יצחק האט זיך איינמאל א וואך אוועק געזעצט און געשריבן א בריוו פאר זיין באליבטע טאטע, דערציילט אויף זיין שיינע לעבן וואס ער האט אין ישיבה, און פון מאל צו מאל אויך געשריבן אביסל מושגים אין יידישקייט, אפשר וועט זיך דער טאטע אמאל אויף וועקן און זיך אנהייבן צו אינטערעסירן אין די יידישע לעבן.

יאהרן זענען אריבער ראבערט האט געשפירט ווי ער הייבט אן שוואכער צו ווערן, די כוחות זענען שוין נישט דאס וואס ס'איז געווען, ער האט נישט געוואלט אנקומען צו א מצב אז ער וועט פארלירן און אלע צייטונגען וועלן באשרייבן זיינע שאדנ'ס, ער האט געוואלט אפ לאזן אויף א מכובדיגע וועג.

ראבערט האט געלאזט וויסן פאר זיינע חברים אז ער לאזט אלעס אפ און גייט ארויס אויף פענסיע.

די ביסט נאך שטארק, די ביסט נאך אין דיינע כוחות - האבן אים זיינע חברים פראבירט צו בעטן ער זאל בייבן - אבער ראבערט האט נישט געוואלט בשום אופן ממשיך זיין מיט זיינע באקסעריי, ער האט זיך געשפירט זייער שוואך.

די חברים האבן אים געמאכט א גרויסע מסיבה, אלע האבן זיך געזעגנט פון אים מיט טרערן אין די אויגן, און צוגעזאגט אז מ'וועט אים קיינמאל נישט פארגעסן, און מ'וועט זיך אלע מאל בענקען נאך אים, ראבערט האט באקומען אסאך בריוו און מתנות, און נאך די שיינע מסיבה האט ער אלעס אריין געפאקט אין זיין שיינע קאר און אהיים געפארן.

די ערשטע טעג איז ראבערט געווען באשעפטיגט אויף צו מאכן זיינע מתנות און אריבער גיין די צייטונגען וואס האבן געשריבן אויף דער גרויסער ראבערט וואס האט פלוצלינג אלעס אפ געלאזט, ער האט געשעפט נחת פון יעדע ווארט און ער האט עס איבער געליינט נאך אמאל און נאך אמאל.

ס'איז אריבער אפאר טעג, און ראבערט טרעפט זיך זיצן אינדערהיים און נישט האבן וואס צו טוהן, קיינער רופט נישט אן, קיינער קומט נישט אריבער כאפן א שמועס, די וועלט פארט זיך ווייטער זיין וועג, און נאר ער איז געבליבן א פארגעסענער אין די זייט, ראבערט האט נישט חשק צו מאכן זיין טרעניגג ער האט נישט פארוואס, זיינע חברים האבן אים פארגעסן, קיינער קוקט אים נישט אן.

נאך אפאר וואכן האט ראבערט פארשטאנען אז די וועלט האט פארגעסן פון אים, ער האט פארשטאנען אז קיינער איז נישט אינטערעסירט אין אים, און ראבערט האט פארלוירן זיין גאנצן טעם אין לעבן.

די איינציגסטע בריוו וואס איז ווייטער אנגעקומען, איז געווען די בריוו וואס זיין יצחק האט אים געשיקט יעדע וואך, און דערציילט אויף די שיינע לעבן און אויף די זיסע אייניקלעך וואס ער האט, ראבערט האט פארשטאנען אז דער איינציגסטער מענטש אויף די וועלט וואס ער איז פאר אים חשוב איז זיין זוהן יצחק.

איך וויל אריבער קומען וואוינען מט אייך - האט ראבערט צוריק געשריבן צו זיין יצחק.

יצחק און זיין משפחה האבן זיך זייער געפרייט אריין צו נעמען די זיידע ביי זיי אין שטוב, ער האט טאקע נישט אויס געזעהן אזוי ווי זיי, אבער זיי האבן געוואוסט די גרויסע מצוה פון מכבד זיין א זיידע און מיט גרויס שמחה האבן זיי באפרייט א צימער אינדערהיים ס'זאל זיין באקוועם פאר די זיידע.

ראבערט איז געווארן א חלק פון יצחק'ס שטוב, ער פלעגט זיצן און צו קוקן ווי די זיסע קינדערלעך גייען און חיידער און קומען צוריק, ער האט נאך געקוקט ווי אזוי זיי לערנען מיט די טאטע און ווי אזוי זיי מאכן ברכות, ער האט נישט פארשטאנען קיין איין ווארט פון וואס זיי טוהן אבער די שיינקייט פון די זאך האט אים זייער געפאלן.

ראבערט האט זיך אינטערעסירט אין די לעבן ארום אים און די קינדער האבן זיך געפרייט אויס צו לערנען זייערע זיידע צו מאכן א ברכה, און ווי אזוי זיך צו וואשן די הענט, ראבערט האט אנגעהויבן זיך צו דערנענטערן צו די יידישקייט א טריט נאך א טריט.

מארגן מאכן אונז א סיום - האט איינע פון די קינדער דערציילט פאר זיין זיידע.

וואס איז דאס א סיום? - האט ראבערט זיך אינטערעסירט.

דער אייניקל האט דערציילט פאר זיין זיידע די חשיבות פון א סיום, און די גרויסע שמחה ווען מ'איז זוכה צו ענדיגן א פרק אדער א מסכתא, און לכבוד דעם מאכן מיר א גרויסע סעודה און מ'פרייט זיך.

ראבערט האט נישט געקענט איינשלאפן אין יענע נאכט, די גאנצע נאכט איז ער געלעגן אין בעט, דרייט זיך פון איין זייט צום אנדערן און די מחשבות דרייען זיך מיט אים צוזאמען:

"ווי בין איך און ווי זענען זיי? א קליינער קינד מאכט א סיום, און איך ווייס נישט קיין איין ווארט פון די תורה, קליינע קינדער לערנען אזוי שיין, און איך? פיסט און גארנישט, וואס האב איך פון מיין גאנצע לעבן? וואס איז מיר געבליבן פון די געלט און פון די כבוד וואס איך האב געהאט? וואס בין איך ווערט? מיט וואס גיי איך צום טיש? אפילו קליינע קינדער קענען מער פון מיר, איך מוז עפעס טוהן מיט מיך, ס'קען נישט אזוי בלייבן".

אינדערפרי איז ער אויף געשטאנען מיט א החלטה, איך גיי אויך מאכן א סיום!

ווי אזוי ווערסטו דאס מאכן טאטע - האט יצחק געפרעגט - דו קענסט דאך אפילו נישט די יידישע אותיות, די א' ב' וואס יעדער יינגל קען, און שפעטער ליינען און פארשטיין די ארמישע שפראך, ס'איז דא זייער אסאך זאכן וואס מ'דארף קענען כדי צו אנקומען צו א סיום.

איז היינט הייב איך אן צו לערנען ביז איך וועל אנקומען - האט דער טאטע אויסגערופן.

און ראבערט האט זיך גענומען צום לערנען.

ערשט איז ער געזעצן מיט די אייניקלעך וואס האבן אים אויס געלערנט די אותיות און די נקודות, ס'איז נישט געווען גרינג, אבער ראבערט האט זיך נישט מייאש געווען, נאך אפאר חדשים האט ער שוין געקענט ליינען.

ראבערט האט שווער געהארוועט ביז ער האט געקענט ליינען א שטיקל גמרא, און זיך זייער געפלאגט צו פארשטיין די סברא'ס אין די גמרא, אבער נאך צוויי יאהר פון הארעוואניע האט ראבערט געקענט א גאנצע בלאט גמרא.

"איך קען א גאנצע בלאט גמרא" - האט זיך ראבערט זייער געפרייט - און יעצט וויל איך מאכן א סיום אויף מיין בלאט גמרא - האט ער געבעטן פון זיין יצחק.

טאטע לעבן - האט יצחק ערקלערט - א סיום מאכט מען אויף א מסכתא נישט אויף א בלאט.

קען זיין אז דו ביסט גערעכט - האט ראבערט געענטפערט - אבער פאר מיר איז דער בלאט געווען אזוי שווער ווי א גאנצע מסכתא, איז וועגן דעם וויל איך מאכן א סיום אויף א בלאט.

יצחק האט נישט געוואוסט וואס צו טוהן, ער האט קיינמאל נישט געהערט אז מ'מאכט א סיום אויף א בלאט גמרא.

זיי זענען ביידע ארויף צום רב - רבי משה פיינשטיין - פרעגן אויב מ'קען מאכן א סיום אויף א בלאט גמרא.

דו האסט דיך אזוי אנגעשטרענגט אויף דיין בלאט - האט דער רב געענטפערט

המשך בעמוד ד'

# ווייפיל קאסט עס?
# און ווייפיל איז דאס ווערט?

ספר במדבר הייבט זיך אן מיט דעם פסוק "וידבר ה' אל משה במדבר סיני" זאגט אויף דעם דער מדרש: "שנו חכמים בשלושה דברים ניתנה התורה באש ובמים ובמדבר ולמה ניתנה בשלושה דברים הללו אלא מה אלו בחנם לכל באי עולם כך דברי תורה חנם הם".

דער מדרש פארגלייכט די תורה צו די דריי זאכן, פייער וואסער און מדבר, אז אזוי ווי זיי זענען בחנם דער מדבר איז הפקר יעדער קען דארט אריין גיין און אזוי אויך וואסער און פייער יעדער קען דאס האבן בחנם אזוי דברי תורה קען יעדער באקומען בחנם ווער ס'וויל זאל קומען און לערנען, דאס קאסט גארנישט.

דער מדרש ווייזט אונז אלץ א גרויסע מעלה אז די תורה איז בחנם, אבער למעשה ווען מיר קוקן אן אונזערע וועלט איז דאך פונקט פארקערט, א זאך וואס מ'טיילט בחנם, ווייזט בדרך כלל אז דער זאך איז גארנישט ווערט, ווען איך שטיי היינט און פארטייל א זאך בחנם פאר יעדער וואס וויל, בדרך כלל וועלן עס מענטשן נישט אנקוקן ערנסט, און אויב איינער וועט עס שוין יא נעמען פון מיר, וועט ער דאס נאך א מינוט אוועק ווארפן, "אז ס'איז בחנם מסתמא איז דאס גאר נישט ווערט" וועלן מענטשן זאגן און וועלן אויך זיין גערעכט.

דער ווארט בחנם ווייזט נישט אויף א חשיבות פון א זאך ס'ווייסט אויף א ביליגקייט פון די זאך, איז פארוואס ברענגט אונז דא דער מדרש א גאנצע פשעטל א גוטע נייעס אז די תורה איז בחנם, ווער זאגט אז דאס איז א מעלה אפשר איז דאס א חסרון?

די גמרא זאגט אין בבא מציעא "אסיא דמגן במגן מגן שויא" - א דאקטער וואס היילט אויס בחנם איז בחנם ווערט, איינער וואס געבט עפעס אוועק בחנם איז נישט ווייל ס'איז א טייערע זאך, איז וואס וויל אונז דא דער מדרש זאגן מיט דעם אז די תורה איז בחנם?

נאך מער דארף מען פארשטיין דוד המלך זאגט: "טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף", ווען דוד וויל דערציילן די חשיבות פון די תורה, דערציילט ער נישט אז ס'איז בחנם, און אויך נישט אז ס'איז ביליג, פארקערט ס'איז טייערער מאלפי זהב וכסף, אזוי מאכט מען טייער די תורה און נישט מיט אויף ווייזן אז דאס איז בחנם.

די גמרא אין שבת זאגט: "ויתיצבו בתחתית ההר – אמר רבי אבדימי מלמד שכפה הקב"ה עליהם את ההר כגיגית ואמר להם אם אתם מקבלים את התורה מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם" – דער אייבישטער האט ארויף געלייגט דעם בארג אויף זיי און זיי געווארנט אז אויב זיי נעמען נישט די תורה וועלן זיי באגראבן ווערן אונטער דעם בארג.

תוספת פרעגט פארוואס האט מען זיי געדארפט צווינגען מיט דעם בארג, זיי האבן דאך שוין געזאגט "נעשה ונשמע"? ענטפערט תוספת, כדי זיי זאלן נישט צוריק ציהען פון שרעק ווען זיי וועלן זעהן די גרויסע פייער מיט די עשרת הדברות.

וואס איז דער פשט פון דעם?

די גמרא זאגט: "כל דיבור ודיבור שיצא מפי הקב"ה פרחה נשמתן של ישראל שנאמר "נפשי יצאה בדברו", ומאחר שבדיבור ראשון פרחה נשמתן דיבור שני היאך קבלו? הוריד טל שעתיד להחיות בו מתים, והחיה אותם", - מיט יעדע דיבור איז זייערע נשמה ארויס פון דעם גוף פון די גרויסע שרעק, און דער אייבישטער האט געלייגט אויף זיי טל פון תחיית המתים און זיי צוריק אויף געלעבט.

ס'איז שווער צו פארשטיין די גמרא, די יודען זענען דעמאלס געווען אין אזא הייליגע מדרגה אז זיי האבן געקענט הערן דעם אייבישטער אליין, איז פאר וואס פרחה נשמתן? און אויב דער אייבישטער האט געוואוסט אז זיי וועלן דאס נישט קענען פארטראגן, פארוואס האט דער אייבישטער זיי נישט לכתחילה געגעבן טל זיי זאלן נישט שטארבן? פארוואס האט מען זיי געדארפט ערשט לאזן שטארבן און נאכדעם אויף לעבן מיט טל? קען דען דער אייבישטער נישט מאכן אז זיי זאלן לכתחילה נישט שטארבן?

*

הלל הזקן איז געווען ביז די פערציג יאהר זייער א גרויסער ארימאן ער האט זייער שווער געארבעט יעדען טאג אהיים צו ברענגען אביסל עסן פאר זיין משפחה.

הלל האט געהאט א וועג אין לעבן און ער האט געוואוסט אז "אם אין אני לי מי לי" אויב איך וועל נישט זארגן פאר מיר וועט עס קיינער נישט טוהן אנשטאט מיר, וממילא אויב איך וועל יעדען טאג אהיים קומען אויסגעמוטשעט פון די ארבעט און גיין אהיים עפעס עסן, טרינקען, זיך א ביסל אפ רוהען, און אזוי ווייטער פירן מיין לעבן וועט גארנישט ארויס גיין פון מיר, האט הלל מחליט געווען אז סוף טאג פאר ווען ער גייט א היים זיך אפ רוהען פון די ארבעט, און פאר ער גייט מאכן זיינע אייגענע זאכן וועט ער גיין אין ביהמ"ד לערנען, און שפעטער וועט ער אהיים גיין.

הלל קומט אן אין ביהמ"ד, ער וויל אריין גיין לערנען, אבער דא פאלט אים נאך א נסיון ביים טיר שטייט א שומר, דער מצב דא איז זייער שווער די האלץ צו ווארעמען איז טייער, די אויל צום באלייכטען איז טייער, קיינער צאלט עס נישט אויס, יעדער וואס וויל אריין גיין אין ביהמ"ד מוז צאלן א האלבע פרוטה.

הלל טראכט נישט צוויי מאל און נעמט ארויס די געלט וואס ער האט היינט פארדינט – איין גאנצע פרוטה – און די האלבע גיבט ער פאר דעם שומר ער זאל אים אריין לאזן אין ביהמ"ד ער זאל קענען לערנען.

איין פרייטיג גייט הלל ארויס אויפ'ן גאס זוכן ארבעט, עסן פאר שבת איז נישט געווען אינדערהיים, הלל גייט אהער און אהין ער זוכט איינער זאל אים געבן אביסל ארבעט ער זאל האבן מיט וואס צו קויפן אויף שבת און ס'גייט נישט, קיינער דארף אים היינט נישט האבן, ס'איז שוין חצות און הלל האט נישט גארנישט אויף שבת, אבער פון דעם איז ער נישט אזוי שטארק פארזארגט, ער איז מער פארזארגט פון דעם אז היינט וועט אים דער שומר נישט אריין לאזן אין ביהמ"ד צום שיעור.

הלל גייט צום שומר בעהט זיך צו אים ער זאל אים היינט אריין לאזן אן געלט, ער וועט עס באצאלן נעקסטע וואך, אבער דער שומר האט זיך נישט געלאזט און אים נישט אריין געלאזט אין ביהמ"ה. הלל האט זיך פון דעם נישט געקענט בארוהיגן וואס הייסט איך וועל היינט נישט קענען לערנען? הלל טרעפט א וועג און קריכט ארויף אויפ'ן דאך דארט איז געווען א פענסטער וואס מ'קען פון דארט צו הערן ער לייגט זיך אראפ אויפ'ן דאך מיט זיין אויער אויף דעם פענסטער, און ברוך השם, א מחיה, מ'זיצט און לערנט.

ס'גייט אריבער א שעה און נאך א שעה, הלל שפירט גאר נישט די קעלט און די טונקל, ס'האט זיך אראפ גענידערט א שניי צו געדעקט הלל ער האט גאר נישט געשפירט, ער איז געווען דבוק אין די לערנען, און אזוי האט ער דארט גע'חלש'ט.

די גאנצע נאכט איז הלל געלעגן פאר'חלש'ט אויבן אויפ'ן דאך, שבת אינדערפרי ווען די חכמים האבן ארויף געקוקט צו זעהן פארוואס ס'איז אזוי טונקל אין בית מדרש האבן זיי אים דארט געטראפן.

די גמרא זאגט אויף דעם אז "הלל מחייב את העניים" דאס הייסט אז ווען א

מענטש וועט ארויף קומען אויבן אין הימל, וועט מען אים פרעגן פארוואס האסטו נישט געלערנט תורה? אויב דער מענטש וועט ענטפערן איך בין געווען א ארימאן איך האב נישט געהאט פרנסה איך האב געמוזט ארבעטן זייער שווער אסאך שעות כדי צו ברענגען פרנסה ס'איז מיר נישט געבליבן צייט צום לערנען איך האב מיר נישט געקענט ערלויבן צו זיצן אין ביהמ"ד אפאר שעות אין לערנען.

ביסטו דען געווען א גרעסערער ארימאן פון הלל? - וועט מען אים ענטפערן אין בית דין של מעלה - האסטו געהאט א מצב אז דו האסט פרייטיג נאכמיטאג נישט געהאט אויף שבת אזוי ווי הלל? ביסטו געווען אין א מצב וואס דו האסט נישט געהאט אויף מארגן צו עסן אזוי ווי הלל? אין א זעלכע מצבים איז הלל געזעצן און געלערנט, ער האט נישט געארבעט אויף אוועק צו לייגן פארמעגנס, גלייך ווען ער האט געהאט אויף היינט צו עסן האט ער אפ געלאזט די ארבעט און געגאנגען לערנען.

מיר דארפן פארשטיין - פרעגט דער חפץ חיים - איז דאס טאקע וואס מ'פארלאנגט פון אונז? מוז'ן אונז טאקע אפ לאזן די ארבעט און זיך זעצן לערנען עד כדי סכנת נפשות? הלל איז געווען א בעל מדרגה איז ווי קען מען דאס פון אונז פארלאנגען? חוץ פון דעם ווער זאגט טאקע אז ער האט געמעגט אוועק געבן א האלבע פון זיין פארמעגן צום לערנען, ס'שטייט דאך "המבזבז אל יבזבז יותר מחומש" אז מטאר נישט ארויס נעמען מער פון א חומש – א פיפטעל, איז ווער זאגט אז הלל איז גערעכט, און נאך אונז מחייב זיין וועגן דעם?

*

אין ווילנא האט מען געוואלט בויען א יודישע שפיטאל, נו, ס'איז דאך א טייערע געשעפט האט מען געמאכט א דינער מ'האט צוזאם גערופן אלע שיינע יודען, און כדי דאס זאל מצליח זיין און די עולם זאל געבן געלט האט מען געברענגט דעם חפץ חיים פון ראדין קיין ווילנא, און יעדער איינער האט אויס גערופן וויפיל ער געבט און דער חפץ חיים האט אים געמאכט א מי שברך, איינער האט געגעבן פינף בעטן, א שענערער יוד האט געגעבן צעהן בעטן, און אזוי האט זיך שטייטלעך אנגעפילט די קאסע פון שפיטאל.

אינמיטן איז אריין געקומען אין זאל א יונגערמאן, א כולל יונגערמאן, ער איז נישט געווען א רב א מגיד שיעור אדער עפעס א אנדערע כלי קודש, א כולל יונגערמאן וואס זיצט און לערנט מיט גרויס התמדה.

דער חפץ חיים איז אויף געשטאנען פאר אים און אים ארויף גערופן זיצן אין מזרח, און אים זייער מכבד געווען.

פאר די גבירים האט די זאך בכלל נישט געפעלן און האבן געקרימט מיט די נאז, ווער איז דער? – האבן זיי געשמועסט צווישן זיך - ווער איז דער וואס דער חפץ חיים איז אים אזוי מכבד? וויפיל איז ווערט? וויפיל האט ער דא געגעבן וואס ער באקומט אזא כבוד?

מורי ורבותי –האט זיך דער חפץ חיים אויסגערופן – איך פריי מיך דא אויף צו נעמען דעם חשוב'ער יונגערמאן וואס האט געגעבן פאר די שפיטל הונדערט בעטן.

הונדערט בעטן?! - האבן זיך די גבירים געוואונדערט - ווי קען דאס זיין, ער זעהט נישט אויס צו זיין א גביר, ער זעהט דאך אויס אזוי ווי א כולל יונגערמאן?!

וואס פארשטייט איהר נישט – האט דער חפץ חיים זיי ערקלערט – דא האט יעדער איינער געגעבן א פאר בעטן זאלן זיין אין שפיטאל, און אייער זכות וועט זיין פערציג פופציג בעטן אין שפיטל, אין אייער זכות וועט מען קען העלפן פאר די מענטשן וואס זענען קראנק געווארן און אנגעקומען ביז צום שפיטל, אבער אין זיין זכות וועט נישט זיין נאך הונדערט בעטן אין שפיטאל, אין זיין זכות אין דעם זכות פון זיין לערנען וועלן הונדערט מענטשן נישט דארפן אנקומען צום שפיטאל און בלייבן געזונט, און די זכות פון זיין תורה וואס פאסט אויף אויפ'ן שטאט וועלן מענטשן זיין מער געזונט און "כל המחלה אשר שמתי במתרים לא אשים עליך".

נו, איז ווער האט דא אויב אזוי געגעבן מעהר? ווועמען דארף דא ארויף זעצן הויבן אן און אזוי שטארק מכבד זיין? נישט דעם יונגערמאן וואס האט אונז אזוי פיל געגעבן?

*

יעדען טאג ביים דאווענען זאגן מיר "כי הם חיינו ואורך ימינו" די תורה איז אונזערע לעבן, א יוד וואס האט תורה, א יוד וואס לעבט מיט די תורה איז א לעבעדיגער מענטש, און אויב ער האט נישט אין זיך תורה איז ער נישט לעבעדיג, זיין גאנצע חיות איז נישטא.

וועט זיך איינער שטעלן און פרעגן, וואס הייסט? איך קען אסאך יודען וואס לערנען נישט און זיי לעבן זייער שיין?! זיי זענען אפילו שיינע יודען וואס באקומען כיבודים? דאס הייסט אז זיי לעבן נישט? היתכן?

דער תירוץ איז, אז די גמרא זאגט "למה נמשלו בני אדם לדגים שבים? - פארוואס זענען מענטשן צוגעגליכען צו פיש אין די וואסער? ווייל אזוי ווי דער פיש ווען ער גייט ארויס פון וואסער שטארבט ער, אזוי אויך ווען איינער לאזט אפ די תורה איז ער א געשטארבענער.

ווען מיר זעהן למעשה א פיש וואס מ'נעמט ארויס פון וואסער, זעהן מיר א לעבעדיגע פיש, ער קען האלטן אפילו א פאר שעה אינדערויסן, איז פארוואס רופט מען אים א געשטארבענער? ווייל דער פיש וויבאלד ער איז אפ געהאקט פון זיין חיות וועט ער שטארבן ס'איז נישט א חילוק אויב נאך א מינוט אדער נאך א שעה אדער אפילו נאך אפאר שעה, ער איז שוין ארויס אויף דעם וועג צום טויט ביי די מינוט וואס ער איז ארויס פון די וואסער.

אזוי איז אויך א יוד ביי די מינוט וואס ער האקט זיך אפ פון תורה, האט ער זיך אפ געהאקט פון זיין חיות, ער קען זיך נאך דרייען אין ביהמ"ד ער קען נאך אויסזעהן א שיינער יוד, אבער די חיות פון דעם יוד האט זיך פון אים אפגעהאקט ברגע ער האט זיך אפגעהאקט פון די תורה.

הלל הזקן – זאגט דער הייליגער חפץ חיים – האט אויך געוואוסט די הלכה אז מ'טאר נישט אויס ניצן מער פון א פיפטעל.

אבער הלל הזקן האט אויך געוואוסט און געשפירט אז א יוד אן תורה איז נישט א יוד, און א יוד וואס האקט זיך אפ פון תורה איז אזוי ווי א מענטש וואס מ'האקט אים אפ פון די לופט, אן לופט קען מען נישט לעבן, און ווען איינער האט נישט לופט איז "כל אשר לו יתן בעד נפשו" –ער וועט אלעס אוועק געבן פאר אביסל לופט אפילו מער פון א פיפטל ס'איז פיקוח נפש, ווען איינער איז אין א מצב פון פיקוח נפש הייבט ער נישט אן צו רעכנען וויפיל געלט ער מעג אויסניצן על פי הלכה זיך צו ראטעווען, ער געבט ארויס זיין גאנצע פארמעגן כדי זיך צו ראטעווען, דאס האט הלל געשפירט ווען ער איז געגאנגען לערנען.

און מיט דעם איז אונז הלל מחייב, מיט די געפיל אז די תורה איז אונזערע לעבן און אן דעם איז דאס גארנישט א לעבן, מ'פארלאנגט פון אונז צו שפירן אז די תורה איז אונזערע לעבן, נאך ווען מ'וועט דאס שפירן וועט מען שוין אליין טרעפן די וועג ווי אזוי צו לערנען.

*

ביי קבלת התורה האט אונז דער אייבישטער געוואלט געבן א שיעור וואס הייסט דאס "כי הם חיינו", ווען דער אייבישטער האט גערעדט צו אונז האבן אונז געהאט חיות מ'האט געהערט דעם גאנצן דיבור, אויף די מינוט וואס דער אייבישטער האט געענדיגט דעם דיבור מיד פרחה נשמתם, דאס איז געווען א שיעור און "ואתם הדבקים בה' אלוקיכם חיים כולכם היום", דאס איז געווען א שיעור וואס האט אויף געוויזן פאר יעדער איינער די לעבעדיגקייט וואס די תורה ברענגט אריין אין דעם מענטש, און נאך ווען ס'איז געווען פרחה נשמתם, און זיי האבן געשפירט אז די חיות וואס זיי האבן געהאט איז געווען פון די דבקות און ה' און אין די תורה, האט זיי דער אייבישטער אויף געלעבט מיט דעם טל פון תחיית המתים.

צו וייזן אז דבקות אין לעבן הייסט דבקות אין תורה, ס'קען נישט גיין לעבן

# וואס איז דא געווען די גרויסע שמחה?

קבלת התורה איז געווען א גרויסע און א דערהויבענע מעמד, דאס האט געמאכט כלל ישראל פאר א חשובע פאלק, "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש", ס'איז געווען א גרויסע שמחה אויף די גאנצע וועלט "עליונים ששו ותחתונים עלזו" – די פון אויבן און די פון אונטען האבן זיך געפרייט ביי קבלת התורה.

די גמרא זאגט אויך אז נדב ואביהוא די קינדער פון אהרן הכהן זענען נתחייב געווארן מיתה ביי קבלת התורה אבער וויבאלד דער אייבישטער האט נישט געוואלט צושטערן די גרויסע שמחה פון קבלת התורה האט ער אפ געשטיפט זייער שטראף, מיר זעהן אז ס'איז געווען א גרויסע טאג מיט זייער אסאך שמחה אויף דער וועלט.

פון די אנדערע זייט, ווען מ'קוקט אריין אין מדרש וואס דערציילט אונז ווי אזוי ס'איז געווען די קבלת התורה, הערט זיך דאס גארנישט אויס אזוי ווי א גרויסע שמחה, מיר זעהן אז "כפה עליהם הר כגיגית" דער אייבישטער האט אויף געהויבן דעם בארג סיני איבער זיי, און דאס כמעט אראפ געלאזט אויף זיי און זיי באגראבן אונטער דעם, איז וואס איז די גרויסע שמחה דא?

כדי דאס צו פארשטיין לאמיר זעהן א משנה אין תענית, די משנה זאגט "ביום חתונתו זו מתן תורה", די משנה רופט אן די צייט פו קבלת התורה אזוי ווי א חתונה, לאמיר אריין טראכטן וואס געשעהט ביי א חתונה.

שטייט א חתן אונטער די חופה, איינע פון די העכסטע מינוטן וואס א מענטש האט אין זיין לעבן, ער בעהט און דאווענט אין די הויכע צייט פאר גוטע שיינע און לעכטיגע דורות, די כלה קומט אריין אונטער די חופה זיבן הקפות, אלעס שטייט גרייט צו די פריילעכע און הויכע מינוט פון די קידושין, און דער מסדר קידושין זאגט די ברכה, דער חתן איז מקדש די כלה מיט א רינגעל, די שמחה איז גרויס עד לב השמים, און דא איז מען מכבד רבי פלוני צו ליינען די כתובה.

איין מזל האבן חתן כלה אז זיי פארשטיין נישט וואס ער ליינט דארט, ווען מיר וועלן צו הערן און פארשטיין וואס ער ליינט דארט, איז דאס נישט אזוי איינגענעם, ער ליינט: דער חתן איז זיך מחייב צו באצאלן צוויי הונדערט זוז אויב ער וועט זיך גט'ן פון איהר, און אויב דער חתן וועט שטארבן וועט די אלמנה די כלה שתחי', קענען נעמען פון זיין פארמעגן די ווערט פון כתובה די צוויי הונדערט זוז, און אויב ס'וועט נישט זיין געלט וועט מען נעמען פון דעם חתן'ס פארמעגן, און אפילו פון זיינע קליידער.

בשעת מ'ליינט די כתובה שטייען אלע מיט א שמייכל מ'נעמט נאך בילדער פון אלע זייטן, און דער חתן נעמט די כתובה און געבט דאס פאר די כלה, און אלע שרייען צוזאמען מיט גרויס שמחה "מזל טוב" "מזל טוב".

וואס גייט דא פאר, אין די גרעסטע מינוט פון די שמחה, און די שענסטע צייט וואס דער מענטש האט, ער שטייט אונטער די חופה, מ'האט נאך קיינמאל נישט אנגעיאגט זיך צו קריגן, מ'האט נאך נישט אנגעהויבן די לעבן, און יעצט? יעצט איז די צייט צו שרייבן אזא כתובה? איז דאס די ריכטיגע מינוט פאר א זעלכע חשבונות.

אלא מאי? וואס גייט דא פאר?

ווען א מענטש האט חתונה מיט די גאנצע שמחה וואס ער האט, שרייבט ער אונטער זיינע התחייבות אין די כתובה, ער גיבט דאס פאר זיין כלה און אלע וואונטשן מזל טוב מיט גרויס שמחה וטוב לבב, ווייל די התחייבות איז נישט א טרויריגע זאך פאר אים, די התחייבות איז א חלק פון זיין שמחה ער פרייט זיך אז ער איז זיך מתחייב צו זיין א מאן, ער פרייט זיך מיט יעדע התחייבות זיינע, ווייל טאקע דאס געבט אים די חשיבות פון די זאך, מיט וואס איז ער א מאן אויב ער האט נישט התחייבות'ן אויף זיך.

א מענטש וואס קויפט א הויז און ער איז זיך מתחייב צו א הלואה פאר דעם באנק איז ער טרויריג ווען ער שרייבט אונטער פאר דעם באנק? ניין! ער פרייט זיך צו אונטערשרייבן, ער פרייט זיך ווען די בנק רופט אים אן ער זאל קומען אונטערשרייבן, ווייל די התחייבות איז די זאך וואס מאכט אים א בעל הבית אויף זיין פארמעגן.

ווען כלל ישראל האט זיך מחייב געווען זיך אונטער צו נעמען די תורה מיט די ווערטער "נעשה ונשמע", האבן זיי אויסגערופן אונז נעמען זיך אונטער צו האלטן די וועלט דורך די תורה, זיי האבן זיך געפרייט מיט די גרויסע אחריות וואס דער אייבישטער האט אויף זיי ארויף געלייגט, און טאקע דאס האט זיי געגעבן די גרויסקייט די ממלכת כהנים וגוי קדוש.

כדי זיי זאלן וויסן ווי גרויס איז די אחריות האט דער אייבישטער "כפה עליהם הר כגיגית" - נישט כדי זיי צו דערשרעקן, נאר כדי זיי צו זאגן: "איהר זעהט דעם בארג, איהר זעהט דעם עול וואס ס'ווערט דא ארויף געלייגט אויף אייך, אויב איהר וועט אננעמען די תורה איז גוט, און אויב נישט "שם" דארט ווערט די גאנצע וועלט באגראבן, אויב איהר נעמט נישט אן די תורה איז די גאנצע וועלט צופאלן.

ווען דער אייבישטער וויל זיי דערשרעקן וואלט געדארפט שטיין פה תהא קבורתכם. אבער דער אייבישטער רעדט נישט פון זיי ער רעדט פון די גאנצע וועלט, נאך ווען זיי האבן פארשטאנען די גרויסע אחריות און זיי האבן טראץ דעם אונטערגעשריבן אויף די כתובה דעמאלס "עליונים ששו ותחתונים עלזו בקבלת תורה", די גאנצע וועלט איז אריין אין א שמחה אויף דעם וואס די יידען האבן גענומען די תורה, יעצט איז דא ווער ס'זאל אונטערהאלטן די וועלט.

## ברכת מזלא טבא

**לידידנו היקר והחשוב איש החסד והמעש**

**הרה"ח ר' משה יצחק הכהן ווערטהיים הי"ו**

**לרגל הולדת בתו שתחי'ה**

**מ**זלא טבא נשגר בזאת קדם ידידנו
**ש**טעלט זיך שטענדיג דא לימינינ ו
**ה**עלפן דעם מכון ווי מער און מער
**י**עדע גליון צו באגלייטן אויף יעדע טריט
**צ**ו העלפן שטעלט ער זיך צו תמיד בשמחה
**ח**סדים ורחמים זאל אים נשפע ווערן ממרומי
**ק**ינדער מיט נחת זאל ער האבן מלא חפניים

ויה"ר שתזכה לרב אושר ונחת שפע ברכה והצלחה
בכל מעשי ידיך, ואך טוב וחסד ירדפוך כל ימי חייך בטוב ובנעימים,
מתוך הרחבת הדעת ומנוחת הנפש בבריות גופא ונהורא מעליא.

אן תורה.

און וועגן דעם האט דער אייבישטער אויך געמאכט "כפה עליהם הר כגיגית" זיי זאלן אויס צו לערנען אז נאר מיט תורה קענען זיי לעבן און זיין לעבעדיגע מענטשן, און ווען זיי לאזן אפ די תורה באגראבן זיי זיך אליין זייערע אייגענע לעבן.

ווען דער אייבישטער האט באשאפן דער וועלט האט ער אים באשאפן אויף זייער א שיינע אופן, דער מענטש דארף האבן זייער אסאך זאכן אויף צום לעבן, ער דארף לופט, ער דארף עסן, ער דארף טרינקען, א.א.וו.. וואס מער די זאך איז וויכטיג פאר די לעבן פון דעם מענטש, קען מען דאס שנעלער און גרינגער טרעפן. למשל, די לופט איז זייער וויכטיג אן דעם קען מען א מינוט נישט לעבן, דאס קען מען טרעפן אין יעדע פלאץ אויף אונזערע וועלט, דאס קאסט נישט געלט און מ'דארף גארנישט מאכן דאס צו באקומען, וואסער איז אויך זייער וויכטיג אבער מ'קען אויסהאלטן אפאר שעה אן דעם, דאס טרעפט מען אויך זייער אסאך און ס'איז זייער גרינג צו באקומען, עסן איז אויך זייער וויכטיג אביסל ווייניגער וויכטיג פון וואסער איז דאס אביסל שווערער צו טרעפן פון וואסער, וואס א זאך איז ווייניגער וויכטיג איז אים שווערער צו טרעפן, גאלד למשל, מ'קען לעבן די גאנצע הונדערט און צוואנציג יאהר אן צו האבן גאלד, ממילא איז דאס א זעלטענע זאך און ס'איז שווער דאס צו טרעפן ממילא איז דאס אויך א טייערע זאך.

לויט דעם לאמיר טראכטן וואס איז טייערער לופט אדער גאלד? לכאורה גאלד ווייל מ'צאלט אויף דעם מער געלט, אבער למעשה איז די לופט אסאך טייערער און אסאך וויכטיגער, דאס איז אזוי שטארק וויכטיג אז מ'האט דאס צוגעשטעלט בחנם פאר יעדער איינער.

זאגט דער מדרש די תורה איז וויכטיג צו אונזערע לעבן, די תורה איז אזוי שטארק וויכטיג, אז "מה אלו בחנם אף התורה בחנם", ס'איז א חלק פון די חיות פון דעם יוד, און ס'איז זייער וויכטיג פאר דאס לעבן פון דעם יוד, פון ווי ווייסן מיר דאס? ווייל מיר זעהן אז דער אייבישטער האט אונז דאס צוגעשטעלט בחנם, איז א סימן אז דאס מוז מען האבן צו אונזער לעבן אזוי ווי די לופט.

## המשך מעמוד ב'

- אז ס'איז אוודאי א גרויסע שמחה און מ'קען מאכן א סיום אויף דעם.

איך בעט אויב אזוי - האט זיך ראבערט אנגערופן - דער רב זאל קומען צום סיום.

איך וועל מיך פרייען צו קומען צום סיום - האט אים רבי משה פיינשטיין געענטפערט.

ראבערט האט באשטעלט א גרויסע זאל, און געלאזט רופן אלע יידן פון בית המדרש, רבנים, חברים פון זיין זוהן, ס'איז געווען א געהויבענע מעמד פון א סיום אויף א בלאט גמרא וואס האט אפ געקאסט אזוי פיל כוחות, ס'איז געווען זייער א שיינע און א געהויבענע מעמד, וואס האט געברענגט צו א גרויסע התעוררות ביי אלע משתתפים.

צומארגנס אינדערפרי איז ראבערט נישט אויף געשטאנען פון זיין שלאף, ער איז געבליבן שלאפן עד ביאת הגואל.

ביי די לויה האט רבי משה פיינשטיין מספיד געווען און אויסגערופן: "יש קונה עולמו בשעה אחת, ויש קונה עולמו בדך אחד" - א מענטש קען זיך קונה זיין זיין גאנצע עולם הבא בזכות איין בלאט גמרא, בזכות די הארעוואניע וואס דער יוד האט אריין געלייגט אין דעם בלאט האט ער זיך קונה געווען זיין עולם הבא.

*

יעדע זאך האט א וועג ווי אזוי מ'טוהט דאס אפ מעסטן, אין א פרוכט געשעפט מעסט מען אפ די זאכן לויט די וואג, וויפיל מער דער וואג איז איז די פרייז העכער, אין א שטאף געשעפט מעסט מען אפ די זאכן לויט די לענג, ווי לענגער די שטאף איז צאלט מען מער, און אזוי האט יעדע זאך די וועג ווי אזוי מ'טוהט אים אפ מעסטן.

ווי אזוי מעסט מען אפ אויבן אין הימל? לויט וועלכע מאז צאלט מען דעם שכר אויבן אין הימל?

ביי א סיום מסכתא זאגן מיר דעם נוסח: "אנו עמלים והם עמלים, אנו עמלים ומקבלים שכר והם עמלים ואינם מקבלים שכר" - אונז הארעווען און זיי הארעווען, אונז הארעווען אין לערנען און באקומען שכר, און זיי (די וואס ארבעטן און לערנען נישט) הארעווען און באקומען נישט א שכר, פרעגט זיך די שאלה וואס הייסט זיי באקומען נישט שכר, יעדער מענטש וואס ארבעט באקומט זיין שכר סוף וואך אדער סוף חודש, יעדער פארדינט דאך געלט ביי זיין ארבעט.

נאר די פשט איז, ווען א מענטש ארבעט א גאנצע חודש אויף א געוויסע געשעפט, און ס'איז נישט געלונגען און ס'איז נישט געגאנגען אזוי גוט ווי ער האט געמיינט, קומט אויס אז ער האט געארבעט א גאנצ'ן חודש פאר אומזינסט, און ס'איז נישט קיין חילוק וויפיל כוחות ער האט אריין געלייגט ער וועט גארנישט האבן פון דעם.

אבער ווען איינער לייגט אריין כוחות אין לערנען, ער פלאגט זיך אויף א סוגיא אין די גמרא ער פלאגט זיך צו פארשטיין פשט אין א תוספות ער הארעוועט א גאנצ'ן טאג און ער האט גאר נישט פארשטאנען, האט ער נישט געארבעט פאר אומזינסט, נאר אפילו ער האט נישט פארשטאנען אדער ער האט געלערנט א פאלשע פשט באקומט ער זיין שכר אויפ'ן לערנען, ווייל דער שכר אויף תורה איז נישט לויט די הצלחה, נישט לויט וויפיל מ'האט אין די האנט, דער שכר מעסט זיך לויט וויפיל דער מענטש האט זיך אנגעשטרענגט.

איז טאקע ריכטיג אז "אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים לשונה פרקו מאה ואחד פעמים" - ס'איז גארנישט א צוגלייך צו איינער וואס האט געלערנט הונדערט מאל אדער הונדערט און איינס, אבער נישט ווייל די האסט געלערנט הונדערט און איין בלאט גמרא, די בלעטער טוהט מען גארנישט אפ מעסטן, דאס איז ווייל דו האסט דיך אנגעשטרענגט מער פון יענעם, און אין הימל טוהט מען אפ מעסטן לויט די ארבעט און נישט לויט די "כמות".

און דאס איז וואס דער תנא דבי אליהו ענדיגט צו מיט די ווערטער "אלא כל אחד לפי מעשיו" יעדער איינער וועט באקומען שכר לויט זיינע מעשים לויט וויפיל ער האט זיך אנגעשטרענגט, און נישט לויט וויפיל ער האט מצליח געווען.

וויל די הצלחה איז א מתנה וואס מ'באקומט פון דעם אייבישטער, ווייל על פי דרך הטבע קענען אונז פשוטע מענטשן נישט משיג זיין מיט אונזערע שכל די גרויסע חכמה פון די תורה און די גמרא וואס די ראשונים און די אחרונים האבן זיך געפלאגט דאס צו פארשטיין, אלא מאי, דער אייבישטער איז דער "נותן התורה" ער לייגט אריין אין אונזער קאפ די תורה, וויפיל לייגט ער אריין אין אונז? דאס ווענט זיך אין אונזערע עמל התורה, ווי מער מ'וועט זיך אנשטרענגען וועט מען באקומען מער תורה.

הגליון יוצא לאור ע"י
מכון מחשבת החינוך
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו

07341.479.294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD.N16 6DW